# מײַן לערער מאַקס ווײַנרײַך

פֿון

## בלומקע כ״ץ

סחינציאַן, ליטע

אין סעפּטעמבער פֿון 1930סטן יאָר, בין איך אַריבער אויפֿן צווייטן קורס פֿון אונדזער ווילנער יידישן לערער סעמינאַר. וועלכער האָט זיך געפֿונען אויף אַזשעשקאָווע גאַס 7. אין זעלביקן הויף האָט זיך געפֿונען די יידישע קהילה, דער העברעאישער לערער סעמינאַר (תרבות), דער מוזיי אויפֿן נאָמען פֿון אַנסקין, אויך די זיבן־קלאַסיקע יידישע פֿאָלקסשול אויפֿן נאָמען פֿון פֿרי פֿאַרשטאָרבענעם לערער און געזעלשאַפֿטלעכן טוער לייזער גורוויטש. דאָס איז געווען אַ זעלטענער הויף מיט אַ סך גרינס. אַלטע קאַשטאַנען־ביימער, טאָפּאָלן און קליאָנען האָבן אים באַצירט. דאָרטן, הינטער אונטער די פֿענצטער פֿון אונדזער בנין, איז געווען אונדזער קליין גערטנדל, וואו דער לערער פֿון ביאָלאָגיע, ד״ר ביבער, וועלכער איז אומגעקומען אין חורבן, האָט געפֿלאַנצט זעלטענע געוויקסן. אינמיטן איז געשטאַנען אַ קליינער, זעלטן שיינער אַקוואַריום. דאָרט איז אויך געווען אַ זאַל פֿאַר פֿיזישער קולטור און דאָס פּלעצל, וואו מ'פֿלעגט זיך פֿאַרנעמען מיט ספּאָרט: האַנט־באַל, קרענץ־באַל, קאָרב־באַל, וואו ס'פֿלעגן אויך פֿאָרקומען פֿאַרמעסטונגען, וואו מ'פֿלעגט באַשיידן אָפּמערקן זיגער.

אויף דעם פּלעצל פֿלעגן אויך פֿאָרקומען צוזאַמענטרעפֿן פֿון דער סקויטן אָרגאַניזאַציע „בין״. דאָ האָבן זיך די „בינען״ געטראָפֿן מיט י. אָפּאַטאָשו, ווען ער איז געווען אין ווילנע. די „בינען״ האָבן אים מקבל פּנים געווען מיט אָפֿענע אָרעמס און מיט הילכיקע לידער. דער גרויסער יידישער שרײַבער האָט זיך

אינטערעסירט מיט אַ סעמינאַריסט פֿון עלטערן קורס, חיים יאַוויטש. אָפּאַטאָשו האָט דייער געלויבט זײַנס אַ ליד און צוגעזאָגט דעם מחבר אַ שיינע צוקונפֿט אויפֿן געביט „פֿון שרײַבן לידער". צום באַדויערן זײַנען די נבֿיאות ניט צושטאַנד געקומען. חיים יאַוויטש האָט ווי דייער אַ סך אַנדערע יידישע יונגעלײַט געגלייבט די אַגיטאַציע פֿון די קאָמוניסטן, אַז דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז דער אמתער גן עדן, אַז דאָרט איז אַ מלוכה פֿון גלײַכקײַט און ברידערלעכקײַט, אַז דאָרט זײַנען ניטאָ קיין אונטערשיידן צווישן פֿעלקער. די פֿראַגע איז געווען אַ קרענקלעכע פֿאַר יידן בפֿרט, און מ'האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. דער סוף איז געווען — צען יאָר סטאַלינס לאַגערן. קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פֿון דאָרט האָט יאַוויטש איבערגעלעבט דעם גיהנום ווײַל אויף אים האָט געוואַרט זײַן לעבנס־באַגלייטערין. אויך אַ לערערין, אַ גראַדואַנטקע פֿון יידישן לערער סעמינאַר דאָבע באַסינדזאָן. ביידע לעבן הײַנט ביז הונדערט צוואַנציק אין טשערנאָוויץ. יאַוויטשעס ליד:

אַלע בינען זײַנען דאָ  
עס נייט די נאַצע קייט  
נאָר איין האָצמאַך  
זעט מען נאָך ניט  
ער איז נאָך ניט גרייט.

אוי ווי האָצמאַך, גיב זיך גיך אַ קער  
אוי צו זײַן אַ נטער בין  
איז אים נעבעך שווער.

האָצמאַך האָט אין אַמלעניש  
ניט געבראַכט קיין עסן  
זייף האָט ער זיך מיטגענומען  
אַ האַנטעך און שטוב פֿאַרגעסן  
אוי ווי, האָצמאַך אא"ח

צו עקסקורסיעס האָט אַ בין  
אַ רוק־זאַק מיט אַ שטאָק  
האָצמאַך שלעפּט אַ בעדעם־שטעקן  
ס'הענגט אים נאָך אַ זאַק  
אוי ווי, האָצמאַך אא"ח

װלט ער אין די קעשענעס
קען ס'טיקל ניט געפֿינען
װי װעט ער מיט אונדז מאַרשירן
אַז פֿון נאָז װעט רינען
אױ װײ, האָצמאַך אא"װ

האָצמאַך װעט שױן הײַנט ניט גײן
צוזאַמען מיט דער קײט
ער גײט אַהײם און װרט זיך
אַ בין איז שטענדיק גרײט!
אױ װײ, האָצמאַך אא"װ

דער װעג צו אונדזער הױף האָט זיך געצױגן דורכן קלײנעם פּאַרק, װעלכן מיר האָבן געקרױנט „אונדזער סעדל". הײַנט שטײט דאָרט אַ מאָנומענט מיט דער סקולפּטור פֿון העלד פֿון דער „פֿאָטערלענדישער מלחמה" ד. טשערניכאָװסקי.

טאַקע אין סעפּטעמבער פֿון 1930סטן יאָר האָט אונדז דער פֿאַרװאַלטער פֿון ײדישן לערער סעמינאַר, דער גרױסער ערודיט און באַשײדענער פֿאָלקסמענטש א. גאָלאָמב ז"ל געלאָזט װיסן אַז די דיסציפּלין „פּילאָלאָגיע" װעט אונדז לײענען ד"ר מאַקס װײַנרײַך. אונדזער פֿרײד איז געװען ניט צו באַשרײַבן. דער נאָמען „מאַקס װײַנרײַך" איז אונדז געװען גוט באַקאַנט. ער האָט זיך שטענדיק אַסאָציאירט מיטן ײדישן װיסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, װעמענס מיטגרינדער און אומדערמידלעכער טוער, װעמענס האַרץ ער איז געװען. מיר האָבן שטענדיק באַזוכט זײַנע עפֿנטלעכע לעקציעס און רעפֿעראַטן אין ײװאָ, אין „װילבינג" (ײדישע בילדונגס־געזעלשאַפֿט אױף פּאָהולאַנקע 18, הײַנט באַסאַנאַװיטשוס גאַס) און אין אַנדערע זאַלן, איבערהױפּט אָבער אין ײװאָ. ד"ר מאַקס װײַנרײַך פֿלעגט רײדן װעגן ײװאָ ניט װי װעגן אַן אינסטיטוט, נאָר װעגן זײַן באַדײַטונג פֿאַרן ײדנטום, װעגן דעם אַז דאָס איז אַ נײַע קוזניע פֿאַר ײדישע געלערנטע, װעגן דעם אַז דאָס איז אונדזער שטאָלץ סײַ פֿאַר אונדזער ירושלים דליטא, סײַ פֿאַר יעדן ײדן אין דער גאָרער װעלט. ער פֿלעגט רײדן װעגן ײװאָ װי װעגן אַ געליבטן בן יחיד, רײדן פֿון זײַן הײַנט און נאָך מער פֿון זײַן מאָרגן.

אַקיצור, מיר האָבן מיט אומגעדולד און האַרצקלאַפּעניש געװאַרט אױף דער באַגעגעניש מיטן נײַעם לערער. אגב אורחא, האָט מען נאָך געשמועסט אַז ד"ר



מאַקס ווײַנרײַך

געצייכנט פֿון ז. ש. פּראַווער

װײַנרײַך װעט לײענען די לעקציעס אָן קײן שום האָנאָראַר, װײַל ער װײס זײער גוט אין װעלכע מאַטעריעלע באַדינגונגען ס'געפֿינט זיך דער לערער סעמינאַר: דער סעמינאַר איז דאָך געװען „אַ פּריװאַטער", ד"ה אַז די מלוכה האָט קײן מאַטעריעלע הילף אױף אים ניט אױסגעטײלט. דער שפּאָט־ביליקער שׂכר לימוד האָט קױם געקלעקט אױף באַלעבאַטישע אױסגאַבן. דער גרעסטער טײל סעמינאַריסטן זײַנען געװען באַפֿרײַט פֿון צאָלן פֿאַרן לערנען, די מערהײט זײַנען געװען קינדער פֿון אָרעמע הײמען, אַרבעטער, האַנטװערקער און כּדומה. דער עקאָנאָמישער קריזיס װעלכער האָט געהערשט אין פּױלן, אַרבעטלאָזיקײט בכלל און אין דער ייִדישער גאַס בפֿרט, האָבן שװער געטראָפֿן אָט די שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג. די מערסטע שילער האָבן געמוזט לעבן אָן זײַטיקער הילף. מ'האָט געזוכט אָן אַרבעט אין די אָונטדיקע שעהן, ערגעץ אַ פּריװאַטע לעקציע, װי מיט ליכט, בכדי צו קענען עקזיסטירן.

אַ דורכשניטלעכער סעמינאַריסט האָט אַלע טאָג געגעסן אַ הערינג און אַ שטיקל שװאַרצע ברױט. געקאָכטע װאַסער אױף טײ, האָט מען געהאַט גענוג. מיר פֿלעגן זיך חכמהנען — װיפֿל הערינג, למשל, דאַרפֿסטו נאָך אױפֿעסן — 370 אָדער 580? לױט דער צאָל הערינג האָט מען גערעכנט װיפֿל עס איז נאָך געבליבן צו לערנען ביז דו װעסט מיט מזל ענדיקן און װערן אַ לערער (דאָס האָט אױך ניט צוגעזאָגט קײן גרױסע גליקן). אָבער דאָך — קלײנע שׂירות און אַ גרױסער ענטוזיאַזם: דאָס איז געװען פֿולשטענדיק גענוג. אמת, די קהילה פֿלעגט געבן הילף: דער צ. ב. ק. („צע בע קאַ" — צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט), אונטער װעמענס אַפּוטרופּסות ס'איז געװען דער ייִדישער לערער סעמינאַר; אױך דער ייִדישער שול װעזן אין װילנער קרײַז.

אָט אַזױ האָט מען געלעבט, געטרױמט װעגן בעסערע צײַטן און מען איז חס וחלילה ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין קײן יאוש. מ'האָט געאַרבעט, זיך אַלײן געלערנט, געלערנט מיט קינדער, געלײענט און געהערט לעקציעס, געזונגען, געגאַנגען אין טעאַטער אױף די ביליקסטע ערטער, אין קינאָ, פֿאַרנומען זיך מיט ספּאָרט (דאָס רובֿ אין „מכּבי"), געגאַנגען אױף עקסקורסיעס, אָרגאַניזירט פֿאַרשײדענע װיסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציעס אין זומער קאָלאָניעס. יעדערער האָט געקענט אױסנוצן זײַן טאַלאַנט, זאָל עס זײַן אין דראַם־קרײַז, אין קרײַז פֿון ליטעראַטור צי

אין קרײַז איבער געשיכטע פֿון ווילנע, וואָס ס׳האָט געפֿירט דער היסטאָריקער העלער. יעדערער האָט צוגעקליבן דאָס וואָס ס׳איז אים צום האַרצן. ס׳איז געווען פֿריילעך, די יום־טובֿדיקע פֿרייד, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יוגנטלעכע בכלל און בפֿרט בײַ אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע גלענצנדיקע וועגווײַזער ווי ס׳זײַנען געווען אונדזערע לערער.

און אָט איז ד״ר ווײַנרײַך בײַ אונדז אין קלאַסן־צימער: אַ שיינער שוואַרצחנעוודיקער מאַן, מיט אַ הויך אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, גלײַך ווי אַ סטרונע, מיט גיכע, לײַכטע טריט. ער האָט אונדז אַרומגעקוקט מיט זײַן דורכדרינגענדיקן בליק. אָנגערופֿן יעדן, לויטן זשורנאַל, בײַם פֿאַמיליע נאָמען, און אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מיר זײַנען מיט אים שוין אַלטע באַקאַנטע. גלײַך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, געגעבן אַ קורצן איבערבליק וועגן אונדזער פּראָגראַם: וואָס איז אַזוינס פֿילאָלאָגיע בכלל און יידישע פֿילאָלאָגיע בפֿרט. גערעדט שטיל, זייער דײַטלעך, באַטאָנט דאָס וויכטיקסטע. אַלעמען איז אַלץ געווען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, אַלץ איז געבליבן אין קאָפּ, און אין האַרצן. ער האָט ניט ליב געהאַט אָפּצואווענדן די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון דער טעמע, פֿון זײַן פּלאַן. אָבער ווען עס איז אויסגעקומען צו דערמאָנען עפּעס וועגן ייִוואָ, דאַן האָט ער לויט ווי איך קען דאָס אָפּשאַצן הײַנט, פֿאַרגעסן אָן אַלע פּלענער. ער האָט אונדז אַלעמען אָנגעשטעקט מיט ליבע צו זײַן קינדלינג, און יעדערער האָט, מיט גרויס פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, אָנגענומען זײַנע אויפֿגאַבעס — זאַמלען מאַטעריאַלן פֿאַרן ייִוואָ. ער פֿלעגט פֿאָרלייגן פֿאַרשיידענע טעמעס, און יעדערער פֿלעגט זיך אויסקלײַבן. איך געדענק זייער גוט אַזאַ טעמע וועלכע איך האָב זיך גענומען אויספֿילן: וועלכע מאכלים גרייט מען צו יידישע יום־טובֿים אין ווילנער קאַנט? ווי גרייט מען דעם יום־טובֿדיקן טיש? וועלכע געבעקס (חלה, קיטקעס, קוכנס און אַנדערע) באַקט מען צו די יום־טובֿים? וועלכע צו ראש השנה, וועלכע צו יום כּיפּור, וועלכע אויף סוכּות, אויף פּורים? מיר האָבן געטראַכט וועגן רעצעפּטן, די געזוכט אין פֿאַרשיידענע קוואַלן, די זאָלן „לאַנג לעבן״, און ניט פֿאַרלירן זייער פֿאָרם. טעמעס זײַנען געווען זייער אינטערעסאַנטע און פֿאַרשיידנאַרטיקע. מיר זײַנען אַלע געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דער אַרבעט.

אונדזער לערער מאַקס ווײַנרײַך האָט ליב געהאַט צו געבן אַ שרײַפֿטלעכע

אַרבעט עקספּראָמט. קומט װי געװײנטלעך אַרײַן אין קלאַס עלעגאַנט און פֿריש, שמעקעדיק, שרײַבט ער אױפֿן טאָװל למשל:

> װאָס האָט שלום־עליכם געמײנט מיט דעם אױסדרוק „לאָבן איז געזונט — דאָקטױרים הײסן לאָכן״?

נאָכדעם װי ער האָט זיך נאָכן קלאַס באַקענט מיט אַלע אַרבעטן, פֿלעגט ער זײ אָפּשאַצן, אױסקלײַבן די סאַמע אינטערעסאַנטסטע אַרבעטן, לױט זײַן מײנונג — צװײ אָדער דרײַ קאָנטראַסטירנדיקע (לױטן אינהאַלט). ער פֿלעגט זײ דערנאָך פֿאָרלײענען און אָפּשאַצן דעם אַרט דענקען פֿון מחבר. װי למשל: „גאָלד איז אַ פֿילאָזאָף״, „יאַװױטש טראַכט ריכטיק, אָבער גאַנץ טרוקן״, „כ״ץ שרײַבט לײַכט און עמאָציאָנעל״. אַ ניט געלונגענע אַרבעט פֿלעגט ער אױך מיטברענגען, אָבער אָפּשאַצן פֿלעגט ער עס מיט אַ לײַכטער איראָניע. דאָך פֿלעגט װערן קאַלעמוטנע אױף דער נשמה. זײַן װאָרט איז געװען ריכטיק און װאָגיק און האָט דורכגענומען ביזן זיבעטן בײן.

װען ס׳פֿלעגט זיך באַװײַזן אַ נײַ װערק פֿון אַ ײדישן שרײַבער, אָדער עפּעס אינטערעסאַנטס און װיכטיק אין דער װעלט ליטעראַטור, אַ װיכטיקע דערשײַנונג אין קולטורעלן לעבן, דאַן פֿלעגט ער שױן ניט אױסהאַלטן און געבן זײַן אָפּשאַצונג, אַרױסזאָגן זײַן מײנונג, װעלכע איז געװען טיף און אָריגינעל.

אין לעבן איז ד״ר װײַנרײַך געװען אַ פּעדאַנט, אַזױ דוכט זיך מיר. אַלע פּראָבלעמען פֿלעגט ער לײזן קורץ און בינדיק, אַפֿילו אָן הנחות. אַשטײגער, דאָס רוב פֿלעגט ער אײַנלאַדן עמעצן פֿון אונדזערע סעמינאַריסטן צו זיך אױף אַרבעט: העלפֿן ברענגען אין אָרדענונג זײַן ביבליאָטעק, זײַנע פֿילצאָליקע קאַרטאָטעקעס, עפּעס איבערשרײַבן. צאָלן פֿלעגט ער לױט דער שעה. מ׳האָט געדאַרפֿט אַרבעטן פּונקט זעכציק מינוט, אױף קײן מינוט ניט װײניקער, גלײַכצײַטיק אױף קײן מינוט ניט מער.

װען די פּױלישע מאַכט האָט אין 1932סטן יאָר געשלאָסן דעם ײדישן לערער סעמינאַר, דעם אײנציקן קװאַל פֿון ײדישע לערער, דערציער, געלערנטע, עסקנים װאָס גיבן זיך אָפּ מיט פֿאַרשפּרײטן ײדישע קולטור אין דער גאַנצער װעלט, איז עס געװען אַ גרױסער חורבן פֿאַר דער גאַנצער ײדישער קולטורעלער געזעלשאַפֿט



ד"ר מאַקס ווײַנרײַך, „די ערשטע בין" (אונטערשטע ריי, דריטער פֿון רעכטס) מיט אַ גרופּע „רינגער" אויף אַן עקספּעדיציע. די „רינגער" זײַנען געווען די אָנפֿירער פֿון די „רינגען" אין וועלכע ס'האָבן זיך אָרגאַניזירט די „בינען". די „רינגען" האָבן זיך ווײַטער אָרגאַניזירט אין „קייטן": אַלע „קייטן" אין אַ „קייט שלאָס".



די „בין" פֿלעגט זומערצײַט אָרגאַניזירן אַ קאָלאָניע אויף ערד־אַרבעט, אַ מין קיבוץ, אין לעוואָנישאָק (בערך פֿיר קילאָ־מעטער פֿון ווילנע) וואו ס'האָט אָנגעפֿירט דער אַגראָנאָם יעקבֿ שאַבאַד (ד"ר צמח שאַבאַדס זון). ס'זיצן אינמיטן (פֿון רעכטס): ד"ר מאַקס ווײַנרײַך, ד"ר צמח שאַבאַד (האַלט אַ שטעקן), דער גראַדואַנט חפֿץ און יעקבֿ שאַבאַד.

װי אויך פֿאַרן גאַנצן ייִדיש רײדנדיקן פֿאָלק. פֿאַר די לערער, פֿאַר די סעמינאַריסטן, איז דאָס געװען אַ שװערער קלאַפּ, ממש אַ קאַטאַסטראָפֿע. יונגע מענטשן זײַנען געבליבן אָן זײער צוקונפֿט סײַ אין מאַטעריעלן, סײַ אין אידעאָלאָגישן זין. מ'איז געװען אַזוי פֿאַרביטערט, אַז װען מ'פֿלעגט זיך טרעפֿן, פֿלעגט מען שטום שװײַגן. עס פֿלעגן פֿעלן װערטער. עס פֿלעגט װײנען דאָס האַרץ און די אויגן פֿלעגן פֿײַכט װערן.

איך געדענק אַזאַ באַגעגעניש מיטן חשובֿן לערער מ. װײַנרײַך. ער איז געװען דער גרױסער עצה־געבער און אויף אונדזער פֿראַגע (איך בין געװען ניט אַליין) — „װאָס װעט זײַן? צי איז דאָס שוין ענדגילטיק, צי זײַנען שוין מער קיין האָפֿענונגען ניטאָ?" האָט אונדזער לערער פֿאַרנײגט זײַן שײנעם קאָפּ, און ניט אַרױסגעבראַכט קיין װאָרט. זײַן טיפֿער קרעכץ האָט גערעדט אָן װערטער.

אין אונדזער לערער סעמינאַר איז געװען אַ זײער טיכטיקער דראַמאַטישער קרײַז. מ'פֿלעגט שטעלן פּורים־שפּילן. מאַטעריאַלן פֿלעגט מען קלײַבן בײַ געװעזענע פּורים־שפּילער, װעלכע מ'האָט ניט לײַכט אָפּגעזוכט. אָדער קינדער אָדער אַפֿילו אייניקלעך פֿון פּורים־שפּילער. בײַ די, װעלכע האָבן געזען, װעלכע האָבן געקענט דעם אינהאַלט, דעם טעקסט, די שפּראַך, די לידער, װי אויך פֿון דער קנאַפּער ליטעראַטור װעגן דעם, װאָס מ'האָט צו יענער צײַט געקענט געפֿינען. אָנגעפֿירט מיט דעם האָט דער לערער פֿון ליטעראַטור, דער גרױסער פּאָעט און שרײַבער, משה קולבאַק. די ספּעקטאַקלען זײַנען געװען זעלטן אינטערעסאַנט, האָבן געהאַט אַ גװאַלדיקן דערפֿאָלג סײַ אין װילנע, סײַ אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, װאו די „פּורים־שפּילער" פֿלעגן פֿאָרן און באַגליקן די ליבהאָבער פֿון ייִדישן טעאַטער, פֿון ייִדישן װאָרט, מיט דער פֿרײלעכער און אינהאַלטס־רײַכער פּורים־שפּיל. די הכנסה פֿון דעם פֿלעגט גײן אויפֿן „זומער פֿאָנד". דאָס איז שוין געװען אַזאַ טראַדיציע, אַז יעדער דריטער קורס פֿלעגט אין קאָניקל פֿאָרן מיט אַן עקסקורסיע אין די קאַרפּאַטן אָדער צום באַלטישן ים. דאָס איז אין יענע צײַטן געװען אַ דערשײַנונג אין יעדן זין פֿון װאָרט...

אויף דעם פֿלעגט מען שפּאָרן און קלײַבן געלט אַ יאָר צײַט, כּדי דער גאַנצער קלאַס, אומאָפּהענגיק פֿון די פֿערזענלעכע מאַטעריעלע מעגלעכקײטן, זאָל אָנטײלנעמען אין דער „עקספּעדיציע", װי מ'פֿלעגט עס אויך אָנרופֿן. אין 1929סטן

יאָר, איז אױפֿגעװאַקסן אין ראַטנפֿאַרבאַנד משה קולבאַק. די יידישע ליטעראַטן פֿון יענעם לאַנד האָבן אים כּידוע אײַנגעלאַדן, כּדי צו באַשײַנען זייער ליטעראַטור מיט אַזאַ גוואַלדיקן טאַלאַנט. דער גורל האָט אָבער אַנדערש באַוויליקט מיטן גרויסן פּאָעט. אין 1937סטן יאָר איז ער דערשאָסן געוואָרן פֿון טיראַן סטאַלין מיט זײַנע פֿינצטערע מיטהעלפֿער.

און אַזוי ווי אונדזער דראַם־קרײַז האָט געהאַלטן בײַם אונטערגיין, האָט די אָנפֿירונג מיט אים איבערגענומען מאַקס ווײַנרײַך ביזן לעצטן אָטעם פֿון אונדזער ווילנער יידישן לערער סעמינאַר.

נאָכן סיום פֿון ערשטן אַרויסלאָז פֿון אונדזער סעמינאַר, האָט אַן איניציאַטיוו גרופּע פֿון יונגע לערער, גראַדואַנטן, געגרינדעט דעם אינטערנאַט אין די „ביליקע הײַזער" וואָס די יידישע קהילה האָט אָפּגעגעבן אויף סובאָטש גאַס 27. אין איינעם פֿון די צוויי געבײַדעס האָט מען אָפּגעגעבן דעם פֿערטן עטאַזש פֿאַר מיידלעך, דעם פֿינפֿטן פֿאַר ייִנגלעך. אין דער איניציאַטיוו גרופּע האָט זיך געפֿונען מאָטל גילינסקי. מ'האָט אים גערופֿן „באַטקאַ" (פֿאָטער). דער נאָמען „באַטקאַ" איז געבליבן אויף שטענדיק אַפֿילו דאַן, ווען ער האָט געאַרבעט אין דער מעדעם סאַנאַטאָריע פֿאַר קראַנקע יידישע קינדער הינטער וואַרשע, וואו מען פֿלעגט אויסקלײַבן די בעסטע לערער און דערציער, ביז זײַן לעצטן אָטעם, וועלכן ס'האָט איבערגעריסן אַ פֿאַשיסטישע קויל, אין די טרויעריקע יאָרן פֿון חורבן. און די „מאַמע" איז געווען די טאַלענטפֿולע לערערין רחל סווענציאַנער, שפּעטער די פֿרוי פֿון נח צוקערמאַן (וואָס האָט אויך אָנטיילגענומען) וועלכע לעבן הײַנט ביז הונדערט צוואַנציק אין ארץ ישראל.

די ביידע געבײַדעס זײַנען געווען פֿינף שטאָקיקע, גרויע, ווי אין אַ טומאַן. די מויערן שטייען הײַנט ווי עדות פֿון אַ געוועזענעם יידישן לעבן. די הײַזער אָטעמען מיט טרויער. יעדער מאָל, ווען איך בין אין ווילנע, גיי איך צו זיי, ווי מען גייט אויף קבֿר אָבֿות. ווען איך עפֿן די טיר און קוק אויף די טרעפּ, וועלכע פֿירן צו די גרויסע, קאַלטע צימערן, וואו מיר האָבן געלעבט צו אַכט, צען מאַן אין אַ צימער, הער איך ניט די לײַכטע טריט פֿון אונדזערע חבֿרה, איך זע די פֿאַרעלטערטע טרעפּ, מיט טיפֿע קנײַטשן פֿון אַלטקייט און אָפּגעטראָטנקייט; איך זע די שווערע טריט פֿון היטלערישע הענקער, וועלכע האָבן דאָרט געבאַלעוועט אין די

שווערע מלחמה יאָרן. דאָרט איז געווען אַ לאַגער פֿאַר איבערגעבליבענע משפּחות פֿון מיליטערלײַט, וועלכע מען האָט אויסגעשאָסן אָדער אָפּגעשיקט ערגעץ ווײַט אויף צוואַנג אַרבעט. ווי שטרענג און אַפֿילו אויסטערליש איז דער אויסזען פֿון די ביידע מויערן: גלײַכע ווענט, טרויעריקע, אָן באַלקאָנען, אָן קיין שום באַצירונג — אויף אַזעלכע „קלייניקײַטן" האָבן קיין מיטלען ניט געסטײַעט. אָבער ווען זיי וואָלטן געקענט ריידן, וואָלטן זיי דערציילט אַ סך מער, ווי מען קען דערוואַרטן פֿון זייער קאַלטן און שטומען אויסזען. דאָרט האָבן געלעבט אָרעמע יידן (און פֿאַר זיי האָט מען געבויט אָט די „ביליקע הײַזער"), צווישן זיי ניט ווייניק אינטעליגענטן, מיט זייערע משפּחות, אַזעלכע, וועלכע זײַנען ניט געווען בכּח צו צאָלן דירה געלט אין מער פּרעסטיזשנע וואוינונגען. נאָר ווען דו גייסט אַ ביסעלע ווײַטער, לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן אָרט פֿון געוועזענעם פּלעצל. קומסטו, אַפֿילו הײַנט, ווי אין אַ נײַער וועלט — אַ וועלט פֿון קינדער, מיט וועלכע ס'זײַנען געבענטשט געווען די גרויסע אָרעמע משפּחות, און עס הילכן אין דײַנע אויערן געשרייען און הילכיקע געלעכטערס וואו מ'שפּילט, וואו מ'זינגט, וואו מ'יאָגט זיך, וואו מ'שלאָגט זיך, וואו מ'מאַכט שלום נאָכן געשלעג, וואו מ'זינגט און וואו מ'טאַנצט. אין איינעם פֿון די ביידע געבײַדעס — די צווייטע — האָבן די ערשטע צוויי עטאַזשן פֿאַרנומען דער יתומים־אינטערנאַט פֿאַר מיידלעך. דאָרטן האָבן געלעבט איבער הונדערט יידישע יתומהלעך וועמענס עלטערן זײַנען געפֿאַלן אין דער ערשטער וועלט מלחמה. די לערער, אָנפֿירער און „אמתע עלטערן" פֿאַר די קינדער זײַנען געווען: ליזע קעניגסבערג, שרה ראָזענשטיין, פֿרוי יאָפֿע. זיי האָבן אַלע כּוחות און די גאַנצע וואַרעמקײַט פֿון זייערע הערצער אָפּגעגעבן די קינדער ניט רעכענענדיק זיך מיט אייגענער צײַט (און געזונט).

צווישן אונדזער גרופּע: יאַנקל אַס, וועלכער איז געפֿאַלן אין 1939סטן יאָר ווי אַ סאָלדאַט אין דער פּוילישער אַרמיי; דוד גורלאַנד, יונג געשטאָרבן פֿון אַ לונגען אָנצינדונג; חיים יאַוויטש, וועמען עס האָט „באַגליקט" צו קומען אין ראַנטנפֿאַרבאַנד און איבערלעבן צען יאָר טורמעס און סטאַלינס לאַגערן, לעבט, ווי דערמאָנט, אין טשערנאָוויץ.

אויפֿן סדר היום איז געווען אין פֿראַגע: מ'דאַרף שאַפֿן אַ יידישע סקויטן אָרגאַניזאַציע, אויף דער באַזע פֿון די יידישע שולן. אין אַלע ציווילידירטע לענ־



ווילנער סעמינאַריסטן טוען אַ הוליע בעת אַ באַזוך אין
סוינציאַן ביי בלומקע כ"ץ און איר מאַמען

דער זײַנען אַזעלכע פֿאַראַן װי צום בײַשפּיל די רויטע פֿאַלקן אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך, די „סקאַוטס" אין ענגלאַנד און אַנדערע. מ'האָט אַפֿילו אויסגעאַרבעט „צען געבאָט" פֿאַר דער קומעדיקער אָרגאַניזאַציע. דער ערשטער געבאָט איז געװען: דינען דער ייִדישער װעלטלעכער קולטור, צװישן די אַנדערע: ליב האָבן, דערקענען און שאַנעװען די נאַטור; זײַן ערלעך אין אַלע געדאַנקען און מעשׂים; טראָגן הילף פֿאַר נויטװענדיקע; אָפּטימיזם; אַרבעטזאַמקײט; אויפֿהיטן אַ געזונטן קערפּער; אַ געזונטן גײַסט.

ס'איז געשטאַנען די פֿראַגע, װי אָנצורופֿן די אָרגאַניזאַציע. מ'האָט לאַנג געטראַכט, פֿאָרשלאַגן זײַנען געװען פֿאַרשיידענע. פּלוצלונג האָט נח צוקערמאַן אַרויסגעזאָגט: „די בין". אַלע האָבן מסכּים געװען.

װער דשע װעט זײַן „די ערשטע בין"? אַלע אָן קיין שום ספֿקות האָבן אָנגערופֿן מאַקס װײַנרײַכן. קיין קעגנער זײַנען נאַטירלעך ניט געװען.

די נײַע אידייע האָט זיך גלײַך פֿונאַנדערגעטראָגן אין די ייִדישע שולן. אין דער גרעסטער טייל פֿון די ייִדישע שולן, הויפּטזעכלעך אין די, װאו ס'האָבן געאַרבעט לערער פֿון װילנער ייִדישן לערער סעמינאַר, האָבן זיך געגרינדעט „בין" אָרגאַניזאַציעס, װעלכע האָבן מיט גרויס דערפֿאָלג געאַרבעט, כּל זמן ס'האָבן עקזיסטירט ייִדישע שולן, ביזן גרעסטן אומגליק פֿון ייִדישן פֿאָלק — ביזן שוידערלעכן אומקום אין 1941סטן יאָר. אין װילנער געגנט זײַנען אַזעלכע „בינען" אָרגאַניזאַציעס געװען אין אַלע שטעט און שטעטלעך, װײַל אין יעדן פֿון זיי איז געװען אַ ייִדישע שול. װעגן „בין" װאָלט געלוינט אָנצושרײַבן אַן אויספֿירלעכע אַרבעט, װײַל דאָס איז געװען אַ װיכטיקע דערשײַנונג אין ייִדישן שול װעזן, אין לעבן פֿון די ייִדישע קינדער אין פּוילן. „בינען" זײַנען געװען דער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעװער, דער געלערנטער לײזער ראַן און נאָך אַ סך װאָס לעבן נאָך הײַנט צו טאָג, זיי צו לאַנגע יאָר.

די פֿאַרזאַמלונגען פֿון העכערן שטאַפּל (פֿון דער אָנפֿירונג) פֿלעגן פֿאָרקומען בײַ ד"ר מאַקס װײַנרײַך, אין זײַן װױנונג אויף פּאָהולאַנקע 13 אָדער 15. דאָרט פֿלעגן מיר דאָס רובֿ טרעפֿן זײַן שײנע ליבע געלע פֿרוי, אַ פֿאַרשײן (אַ זעלטענע שײנהײט), אַ מחיה די אָנצוקוקן — אַ לערערין פֿון ס. מ. גורעװיטש גימנאַזיע, די טאָכטער פֿון הערלעכן ד"ר צמח שאַבאַד ז"ל. דער נאָמען פֿון ד"ר צמח שאַבאַד



די מחברטע בלומקע כ"ץ

איז היינט זייער באַקאַנט און געערט. אגב אויף זיין קבֿר, וואָס מען האָט נאָך דער מלחמה אַריבערגעטראָגן פֿון אַלטן ווילנער בית־עולם אויפֿן נייעם, זיינען עד היום שטענדיק פֿאַראַן פֿרישע בלומען פֿאַר דעם גרויסן דאָקטער, געלערנטן און אויסערגעוויינטלעכן מענטש: ד"ר צמח שאַבאַד.

ביי ד"ר מאַקס ווייַנרייַכן אין דער היים פֿלעגן מיר טרעפֿן די צוויי שיינע זין זייערע, וועלכע פֿלעגן גלייך נעלם ווערן, באַלד ווי מיר פֿלעגן זיך באַווייַזן. די פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן פֿאָרקומען אין זיין באַשיידענעם קאַבינעט פֿול מיט ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן.

איך געדענק גוט (און קען דאָס היינט ריכטיקער אָפּשאַצן) זיין זאַכלעכקייט, ריכטיקע רעאַקציע, זיין ניט זעלטן שענקען אַ שמייכל און וואַרעמער אָנערקענונג פֿאַר אַ קלוגן אייַנפֿאַל, פֿאַר אַן אָריגינעלער לייזונג. אויף דער זיצונג פֿלעגן מיר שטענדיק גיין מיט אַ געהויבענער שטימונג און ביים פֿונאַנדערגיין זיך, טראַכטן מיט שפּאַנונג וועגן דער קומעדיקער זיצונג.

## דאַנק וואָרט

אַ האַרציקן דאַנק מעינקע און הירשע־דוד קאַץ פֿאַר זייער הילף ביים צונרייטן מיינע זכרונות צום דרוק. אַ דאַנק דעם יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט – ייוואָ (ניו־יאָרק) פֿאַרן פֿריינדלעך צושיקן אין דער רעדאַקציע אַ פֿאָטאָגראַפֿיע וואָס איז צונייץ געקומען פּראָפֿ׳ ז. ש. פּראַזוערן ביים צייכענען דעם פּאָרטרעט פֿון יונגן מאַקס ווייַנרייַך.

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

## II

רעדאַקטאָר

הירשע-דוד קאַץ

האַרוואַרד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
בשותּפֿות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

# אָקספֿאָרדער יידיש

## II

## 1991

רעדאַקטאָר

**הירשע־דוד קאַץ**

האַרוואָוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג
קור, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, מעלבורן
בשותפות מיטן
אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

אָקספּאָרטע ייִדיש

II

1991

רעדאַקטאָר

# הירשע־דוד קאַץ

נעהילף רעדאַקטאָרן

## מאַריאַן אַפּטראָד, דובֿ־בער קערלער

### נאָטיצן פֿאַר מחברים:

1. די רעדאַקציע נעמט אין באַטראַכט אָריגינעלע פֿאָרשונגען אויפֿן געביט פֿון ייִדישער פֿילאָלאָגיע, ליטעראַטור־פֿאָרשונג און פֿאָלקלאָר, ווי אויך קולטור־היסטאָרישע און לינגוויסטישע זכרונות. בלויז אַרבעטן וואָס זײַנען אַנדערשוואו ניט דערשינען (אויף וועלכער ניט איז שפּראַך) קענען קומען אין באַטראַכט.

2. צוגעשיקטע אַרבעטן דאַרף מען אָפּקלאַפּן אויף אַ מאַשינקע. מראה־מקומות ברענגט מען אין האַלבע לבֿנות אין טעקסט גופֿא; ווי שיקן אָפּ צו דער ביבליאָגראַפֿיע וואָס געפֿינט זיך צום סוף פֿון יעדער אַרבעט.

3. אַרבעטן און קאָרעספּאָנדענץ דאַרף מען שיקן צו:

Dr Dovid Katz, Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies
45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England

# אינהאַלט


בײַ אײַן טיש 1

## געשיכטע פֿון ייִדיש

יוסף בר־אל (רמת גן)

טשאַטשקיס, עגנון און די עטימאָלאָגיע פֿון „שיבוש" 3

הירשע־דוד קאַץ (אָקספֿאָרד)

דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: אַ ירושה פֿון קדמונים 17

## פֿאָלקלאָר

יאַסמינקע דאַולינג (אָקספֿאָרד)

אײן שײן מעשה און די מקורות פֿון ייִדישע פֿאָלקס־מעשיות 97

מאַגדאַלענאַ פּיראַזשינסקאַ (קראָקע)

ייִדישע און פּוילישע שפּריכווערטער 117

## מאָדערנע ליטעראַטור

מיכל גיא (רמת גן)

זשאַנערישע יסודות בײַ באַשעוויסן 129

מעינקע קאַץ (ניו־יאָרק)

פֿאָרם אין פּאָעזיע און נאַטור 161

## קולטור געשיכטע

שמואל הילע (לאָנדאָן)

הלכהשע אַסמכתות פֿאַר אויפֿהיטן ייִדיש בײַ פֿרומע ייִדן 171

לעאָנאַרד פּראַגער (חיפֿה)

דער לאָנדאָנער פֿאַרלעגער מ. יאָזעף 175

קלמן קאַול (ניו־יאָרק)
סעקס רפֿואות אין אַ פּנקס פֿון 19טן יאָרהונדערט 199

לײדער ראַן (ניו־יאָרק)
„בשרע קאָרטן" פֿון מיטן 19טן יאָרהונדערט 215

## זכרונות

בלומקע כ"ץ (סווינצאַן)
מײַן לערער מאַקס װײַנרײַך 241

אַבֿרהם קאַרפּינאָװיטש (תל אָבֿיבֿ)
זכרונות פֿון אַ פֿאַרשטיטענער טעאַטער הײם 255

## אָבֿידות

שלמה בירנבוים 271

י. א. ליסקי 277

דבֿ סדן 283

לײב פֿוקס 287

מעניקע קאַץ 293

### אַנאָנסן

זומער פּראָגראַם 312
װינטער סימפּאָזיום 312
ראַנק װאָרט 313

אָקספֿאָרדער ייִדיש

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## II

**Edited by**
**Dovid Katz**

harwood academic publishers
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

ISBN 3–7186–5206–4
ISSN 1044–3614

# *OKSFORDER YIDISH*

# A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

## II

## 1991

Edited by

**Dovid Katz**

*Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies*
*and*
*St Antony's College, Oxford*

harwood academic publishers
chur london paris new york melbourne
in cooperation with the
Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies

*OKSFORDER YIDISH*
A YEARBOOK OF YIDDISH STUDIES

This series aims to inspire and publish scholarly work on Yiddish language, literature, folklore and cultural history.

Editor: **Dovid Katz**
Assistant Editors: **Marion Aptroot, Dov-Ber Kerler**

© 1991 by Harwood Academic Publishers GmbH, Poststrasse 22, 7000 Chur, Switzerland. All rights reserved.

ISBN 3-7186-5206-4
ISSN 1044-3614

Harwood Academic Publishers

Post Office Box 90
Reading, Berkshire RG1 8JL
United Kingdom

58, rue Lhomond
75005 Paris
France

5301 Tacony Street, Drawer 330
Philadelphia, Pennsylvania 19137
United States of America

3-14-9, Okubo
Shinjuku-ku, Tokyo 169
Japan

Private Bag 8
Camberwell, Victoria 3124
Australia

This book is part of a series. The publisher will accept continuation orders which may be cancelled at any time and which provide for automatic billing and shipping of each title in the series upon publication. Please write for details.
No part of this book may be reproduced or utilized in any form or by any means, electronic or mechanical, including photocopying or recording, or by any information storage or retrieval system, without permission in writing from the publisher. Printed in Singapore.

# CONTENTS

Scholars and Writers 1

HISTORY OF YIDDISH

Joseph Bar-El (Ramat Gan)
Tshatshkis, Agnon and the Etymology of *shibesh* 3

Dovid Katz (Oxford)
Antiquity of the Semitic Component in Yiddish 17

FOLKLORE

Jennifer Dowling (Oxford)
*Eyn Sheyn Mayse* and the Sources of Yiddish Folktales 97

Magdalena Pirożyńska (Krakow)
Yiddish and Polish Proverbs 117

MODERN LITERATURE

Michal Gai (Ramat Gan)
The Question of Genre in Isaac Bashevis Singer 129

Menke Katz (New York)
Form in Poetry and Nature 161

CULTURAL HISTORY

Shmuel Hiley (London)
Halachic Sources for the Preservation of Yiddish 171

Leonard Prager (Haifa)
The London Yiddish Publisher M. Joseph 175

Carl Cowl (New York)
Sex Remedies in a 19th Century Record Book 199

Leyzer Ran (New York)
A Mid Nineteenth Century Pack of "Kosher Playing Cards" 215

MEMOIRS

Blumke Katz (Svintsyan/Švenčionys, Lithuania)
My Teacher Max Weinreich 241

Abraham Karpinowitz (Tel Aviv)
Memories of the Vilna Yiddish Folk Theatre 255

OBITUARIES

Solomon A. Birnbaum 271
I. A. Lisky 277
Dov Sadan 283
Leo Fuks 287
Menke Katz 293

ANNOUNCEMENTS

Summer Programme 312
Winter Symposium 312
Acknowledgements 313